# איינוועסטירט אינעם ריכטיגן ארט, און ארויס מיטן גאנצן ריווח

לכבוד המערכת החשובה "ביי מיר האט עס פאסירט".

צום אלעם ערשט וויל איך אייך באדאנקן און זאגן א גרויסן יישר כח פארן צוריק ברענגען און אויפפרישן די גאר רייכע "ביי מיר האט עס פאסירט" קאלום, פון וואס איך פערזענליך האב הנאה שוין לאנגע יארן, און איך ווייס פון פריינד און באקאנטע וואס זאגן די זעלבע.

לעצטנעס זעה איך, לויפט עטליכע מעשיות איבער די גרויסע מעלה פון געבן צדקה האב איך מיר דערמאנט א מעשה וואס עס האט טאקע "נישט פאסירט ביי מיר", אבער עס קען ווערן אנגערופן "ביי יענעם האט דאס פאסירט" עס האט פאסירט ביי א איד פון ירושלים עיה"ק, וואס פלעגט אמאל וואוינען ביי אונז אין מעלבורן אויסטראליע.

אבער צום ערשט א קורצע הקדמה איבער די אידן אין מעלבורן.

פאר פערציג יאהר צוריק. צווישן די רבי'ס וואס זענען כסדר געקומען מחזק זיין תושבי מעלבורן, איז געווען כ"ק מרן אדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע (יארצייט כ"ז כסלו). די ערשיינונג פון אזא גדול בישראל אין מעלבורן, האט איבער געלאזט גאר א שטארקע רושם אויף די בני העיר, וועלכע האבן געשלינגן מיט דורשט יעדעס ווארט וואס עס איז ארויסגעקומען פון דעם צדיק וקדוש.

צווישן די פילע ענינים וואס הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, האט מעורר געווען ביי יעדע איינציגסטע באזוך, איז געווען איבער די נושא פון נישט טוישן די לשון, נאר מען זאל רעדן די אידישע שפראך, עס זענען טאקע געווען שטובער, וואס האבן צוביסלעך אנגעהויבן צו מקפיד זיין צו רעדן אויף אידיש.

הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, האט פרובירט און גערעדט מען זאל אויך אין די בתי חינוך טוישן און רעדן צו די קינדער אויף אידיש, אבער ליידער וויפיל ער האט נאר נישט גערעדט פון דעם, איז נישט געווארן בשעתו קיין שינוי לטובה.

הערשט יארן שפעטער, אין די מיטעלע ס' יארן, שוין עטליכע יאר נאך די הסתלקות פון אותו צדיק וקדוש, האבן די פרישע אינגעלייט זיך גרופירט אינאיינעם, און מיט די אקטיווע שטיצע און מיטארבעט פונעם דעמאלטס'דיגן רב הגה"צ רבי אברהם צבי הלוי בעק זי"ע, געגרינדעט א נייע מוסד פאר אינגלעך און מיידלעך, אויף די אידישע שפראך, די נייע מוסד האט מען פאסיג א נאמען געגעבן "דברי אמונה" לשמו ולזכרו פון הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, וואס האט אזויפיל מעורר געווען אויף די נושא.

מען האט זיך איבערצייגט בחוש, ווי ביאת צדיק לעיר עושה רושם, ווען אפילו בשעת מעשה האט אויסגעזעהן אז זיינע ווערטער טוט גארנישט אויף, עס פאלט אויף טויבע אויערן, האט מען בזכותו דורכגעבראכן די נושא יארן שפעטער. ויהי לנס.

אזוי אויך האבן אלע תושבי מעלבורן זוכה געווען צו א קירבה יתירה ביי הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, און זענען געווארן שטארק צוגעבינדן צו דעם גרויסן צדיק, לאחר הסתלקותו האבן פילע אידן אין מעלבורן א נאמען געגעבן "אברהם יצחק" נאך דעם גרויסן צדיק.

יעצט לאמיר צוגיין צו די עצם ערציילונג, וואס איך וויל מיטטיילן.

אין מעלבורן האט אין יענע יארן געוואוינט א איד מיטן נאמען הרה"ח רבי מענדל היימליך שליט"א, ווי אלע אנדערע תושבים, האט ער אויך אנגעקניפט א קשר אמיץ וחזק מיט הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, אויף אזוי ווייט, אז ער האט געשיקט זיינע קינדער לערנען אין ישיבת תולדות אהרן אין ירושלים עיה"ק.



הרה"ג רבי חיים היימליך שליט"א מלפנים דיין אין מעלבורן, ביי א שיעור הלכה אין קהל מחזיקי הדת אין מאנטשעסטער, ווי ער דינט אלס ראש הדיינים

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.
**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**


הרה"ג רבי מענדל היימליך שליט"א ארום געמונען מיט קינדער און אייניקלעך, מפארי קהילת תולדות אהרן, דאנקט דעם אייבערשטען פאר אלע חסדים

דארט אין "ישיבת תולדות אהרן" אין ירושלים עיה"ק, זענען זיינע קינדער אויפגעוואקסן אלס די אריות שבחבורה פון צווישן אלע תלמידים, זיין עלסטער זוהן הרה"ג רבי ברך יהודה היימליך שליט"א דינט היינט אלס דומ"ץ קהילת תולדות אהרן און אין די עדה החרדית, זיין צווייטער זוהן הרה"ג רבי חיים היימליך האט לאנגע יארן געדינט אלס דיין אין מעלבורן, און היינט איז ער דער ראש הדיינים אין קהל מחזיקי הדת אין מאנטשעסטער, און אזוי ווייטער אלע קינדער זענען גאר חשובע דיינים ומרביצי תורה.

אין די מיטעלע נ' יארן, איז אמאל דער רבי מענדל שליט"א, געפארן אויף א באזוך קיין לאנדאן עיר הבירה, און ער האט מיטגענומען מיט זיך, זיין גאנצע אפגעשפארטע געלט, וואס איז אויסגעקומען א סכום פון הונדערט טויזענט דאלער, א סכום עצום בימים ההם, וואס ער האט דאן איינגעשטעקט אין א געוויסע גאר פארזיכערטע ריעל עסטעיט אינוועסטמענט, נאכן אהינגעבן די געלט, וואס וועט איהם ברענגען גרויסע רווחים, האט ער זיך אריבער געכאפט קיין ארצינו הקדושה, צו אריינגיין מיט א קוויטל צו הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע.

שטייענדיג אינעם צימער בצלו פון הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, זאגט איהם דער תולדות אהרן רבי זי"ע "דו ווייסט דאך אז די מוסדות תולדות אהרן מוטשענען זיך מיט גרויסע חובות, איך דארף וויכטיג האבן אסאך געלט, אפשר קענסטו מיר העלפן?"

פרעגט רבי מענדל דעם רבי'ן: "וויפיל געלט דארף דער רבי?" ענפערט הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע "איך דארף די סכום פון הונדערט טויזענט דאלער!!!"

זאגט רבי מענדל "דער רבי ווייסט וויפיל הונדערט טויזענט דאלער איז, איך בין נישט א גביר וואס קען געבן אזעלכע גרויסע סכומים".

הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, נעמט ארויס א שלחן ערוך (יורה דעה הלכות צדקה), און הייבט אן פארלערנען פאר רבי מענדל: דער טור



הרה"ג רבי ברוך יהודה היימליך שליט"א דומ"ץ תולדות אהרן און אין די עדה החרדית ביי אן אויפטריט



הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, אונטערן רבי'ן ווערט געזעהן דער גבאי הרה"ח רבי גבריאל שישא הי"ו

ברענגט דעם לשון הרמב"ם: **לעולם אין אדם מעני מן הצדקה, ואין דבר רע ולא היזק נגלל בשביל הצדקה, שנאמר והיה מעשה הצדקה שלום, כל המרחם מרחמין עליו, שנאמר ונתן לך רחמים ורחמך והרבך, וכל מי שהוא אכזרי ואינו מרחם, יש לחוש ליחסו שאין האכזריות מצויה אלא בעכו"ם, שנאמר אכזרי המה ולא ירחמו, וכל ישראל והנלוה עליהם כאחים הם, שנאמר בנים אתם לה' אלהיכם, ואם לא ירחם האח על האח מי ירחם עליו, ולמי עניי ישראל נושאין עיניהן, הלעכו"ם ששונאין אותו ורודפים אחריהן הא אין עיניהן תלויות אלא לאחיהן.** ע"כ.

דער תולדות אהרן רבי פרעגט רבי מענדל "דו גלייבסט וואס דער טור זאגט?! "קיינער איז נאכנישט ארעם געווארן פון געבן צדקה! ווען מען לייגט אריין געלט אין אן אינוועסמענט, קען זיין אז עס גייט אנזעצן, און מען גייט פארלירן די גאנצע זאך, אבער אויב מען גיבט צדקה זאגט דער הייליגער טור אז מען גייט נישט ארעם ווערן".

רבי מענדל איז ארויס פונעם רבי'נס צימער אינגאנצן איבערגענומען, און ער ווייסט נישט וואס צו טוהן, דעם רבי'נס גבאי הרה"ח רבי גבריאל שישא הי"ו, פרעגט איהם "וואס איז געשען?"

פארציילט ער איהם "דער רבי וויל איך זאל געבן הונדערט טויזענט דאלער... ווי קען איך געבן אזויפיל געלט, עס מיינט מיין גאנצע פארמעגן".

דער גבאי ר' גבריאל, האט איהם פרובירט צו בארוהיגן, "נע! דער רבי מיינט נישט ממש אז דו זאלסט געבן דעם גאנצן סכום, ער מיינט אז מען דארף האבן דעם סכום נישט אז דו זאלסט אליינס געבן די גאנצע".

רבי מענדל אבער מיט זיין אמונת צדיקים האט מחליט געווען "יעבור עלי מה, איך געב די גאנצע הונדערט טויזענט דאלער פארן רבי'ן", ער איז תיכף צוריק געפארן אויף לאנדאן אפגענומען דאס געלט וואס ער האט




די קליינע וועלד'ל צווישן די אונטערשטע חלק פון רבי מענדל'ס געשעפט און די באן סטאנציע (אויפן בריק אין די הייעך) וואו רבי מענדל האט געטראפן דעם אוצר! לינקס זעהט מען א בילד פון די הייעך פון די באן סטאנציע און די געשעפט מיט די קליינע וועלד'ל אינצווישן.

אריינגעלייגט אין די אינוועסמענט, און עס אפגעשיקט קיין ירושלים עיה"ק, און צוריק געפארן אויף מעלבורן נקי מכל נכסיו, אבער גליקליך און צופרידן צו קענען מקיים זיין רצון צדיק.

אנקומענדיג קיין מעלבורן, האט רבי מענדל געהערט אין די נייעס, אז עס איז דא א מענטש וואס האט געטראפן געלט נעבן די "באלאקלאווא באן סטאנציע", און די פאליציי זוכט ווער עס האט דארט פארלוירן געלט.

רבי מענדל האט זיך געכאפט אז די "באלאקלאווא באן סטאנציע", געפונט זיך גלייך אונטער זיין געשעפט, נו, אויב האט איינער געטראפן דארט געלט, לאמיר אויך זוכן אפשר וועל איך אויך טרעפן.

געטראכט און געטוהן, מיט א שאוול אין די האנט האט זיך רבי מענדל ארויסגעלאזט זוכן אן אוצר אויפן שטח צווישן זיין געשעפט און די "באלאקלאווא באן סטאנציע", און פלוצלינג שפירט ער עפעס באגראבן דארטן, נאכן עס ארויסנעמען פון אונטער די ערד, האט ער געטראפן אן אוצר פול מיט קעש!!!!!!!



**רבי מענדל היימליך שליט"א מיט הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א, אונטער רבי מענדל שטייט בנו הרה"ג רבי חיים היימליך שליט"א, ראש הדיינים קהל מחזיקי הדת מאנטשעסטער**

אפילו ער האט לכתחילה געזוכט די געלט, האט ער אבער נישט גע'חלום'ט אז ער וועט עס טאקע טרעפן, דעריבער קען מען זיך פארשטעלן ווי פארלוירן ער איז געווען, בשעת ער האט זיך געטראפן מיט א ריזן אוצר אין די האנט.

כדי צו אויספאלגן דעם געזעץ האט ער גלייך אנגעהויבן צו גיין צו די לאקאלע פאליציי סטאנציע וואס געפונט זיך נישט ווייט פון דארט, צו זיין גוט מזל האט ער אנגעטראפן א היימישן איד אינמיטן וועג, דאס איז געווען הר"ר שלמה ברוך אבבעלעס הי"ו, וואס האט געזעהן ווי צומישט און בלאס ער קוקט אויס, האט ער איהם געהאלפן אנצוקומען צום פאליציי סטאנציע און אריינגעבן א רעפארט.

די פאליציי האט שוין יעצט געדארפט מעלדן איבער צוויי פעקלעך געלט וואס מען האט געטראפן, און נאך ניין חדשים אזוי ווי קיינער האט זיך נישט געמאלדן, האבן זיי געגעבן די געלט פאר דעם וואס האט עס געטראפן.

און וויפיל מיינט איהר איז געווען די סומע וואס רבי מענדל האט געטראפן און באקומען פון די פאליציי נאך ניין חדשים?

יא איהר האט גוט צוגעטראפן, פונקט טאפעלט, גאנצע צוויי הונדערט טויזענט דאלער! דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, ער האט געמאכט אויף די צדקה אינוועסמענט ביי הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע א הונדערט פראצענט'יגע ריווח.

נאכמער, די גאר פארזיכערטע אינוועסטמענט אין לאנדאן איז ליידער געגאנגען קראכן, און אסאך אידן האבן דארט ליידער פארלוירן אסאך געלט, אחד הי' רבי מענדל, וואס האט ארויסגענומען זיין געלט פון דארט באצייטענס'ס און געהאט די זכי' צו מאכן מיט די געלט א זיכערע אינוועסטמענט.

ידידכם ( )

***פה מעלבורן אויסטראליע***



**כ"ק מרן אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א טאנצט מיט רבי מענדל היימליך שליט"א, און מיט זיינע חשובע קינדער, ביי די הכנסת ספר תורה וואס רבי מענדל שליט"א האט אריינגעגעבן צום ביהמ"ד הגדול תולדות אהרן אין ירושלים עיה"ק, אין שנת תשפ"ב**